**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 7/8/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

**גאווערנער האוקול אנאנסירט פארענדיגונג פון 19.45 מיליאן דאלערדיגע פראיעקט צו ערזעצן רעיווענסדעיל ראוד בריק אין העיסטינגס-אַן-הודסאן**

***נייע שפאן איבער סאָו-מיל ריווער פארקוועי פארשטערקערט זיכערהייט און באוועגיקייט לענגאויס הויפט צוטריט רוטס צו טייך-ברעגע ווילעדזש***

***פארברייטערט פיסגייער און ביציקל צוטריט צו דער פאפולערער סאָוט קאונטי טרעילוועי***

***בילדער פון פארענדיגטע פראיעקטן זענען גרייט צו באקומען <u>דא</u>***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט געמאלדן אז ארבעט איז פערטיג אויף א 19.45 מיליאן דאלערדיגע פראיעקט צו ערזעצן דעם רעיווענסדעיל ראוד בריק איבער'ן סאָו-מיל ריווער פארקוועי אין דעם ווילעדזש העיסטינגס-אַן-הודסאן, אין וועסטשעסטער קאונטי. דער נייער בריק פארבעסערט רייזן און פארשטערקערט זיכערהייט און ווידערשטאנד פעאיגקייט לענגאויס א העכסט-נייטיגע באהעפטונג צווישן דעם ווילעדזש און די וועסטשעסטער קאמיוניטיס צו מזרח פון דעם סאָו-מיל ריווער פארקוועי. דער פראיעקט פארזארגט אויך נייע און פארבעסערטע פיסגייער און ביציקל צוטריט צו דעם פאפולערן סאָוט קאונטי טרעילוועי, וועלכס לויפט אויך אונטער דעם שפאן.

דורך מאדערניזירן אונזער טראנספארטאציע נעטוואָרק, וועט ניו יארק סטעיט קענען שטיצן אלע סארטן רייזע מאדעס, באשיצן אונזער ענווייראָנמענט און פארזארגן קאמיוניטיס מיט די אינפראסטרוקטור אין וועלכע זיי נייטיגן זיך אויף צו וואקסן און בליען," **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** "דער פראיעקט וועט פארזיכערן אז א העכסט-נייטיגע ראוד דעם ווילעדזש העיסטינגס-אַן-הודסאן בלייבט אפן און צוטריטליך פאר פילע יארן אין דער צוקונפט, און גלייכצייטיג אויך פארזארגן נייע פארוויילונגס געלעגנהייטן פאר ביציקליסטן און פיסגייער."

דער רעיווענסדעיל ראוד בריק איז דער איינציגסטער אריבערגאנג איבער'ן סאָו-מיל ריווער פארקוועי אינערהאלב דעם ווילעדזש. דער פראיעקט, וועלכס האט זיך אנגעהויבן אין פרילינג פון 2020, האט ערזעצט דעם ארגינעלן צוויי-שפאניגע סטרוקטור וואס איז געבויט געווארן אין 1945 מיט א נייע, איינציג-שפאן בריק מיט זעקס-פיסיגע שאָולדערס און פינף-פיסיגע סיידוואָקס אויף יעדע זייט צו בעסער אקאמאדירן פיסגייער און ביציקליסטן. דער נייער בריק וועט אויך פארמאגן א קאנקרעטע מויער, באצירטע צוימען און באפוצטע בריק באלייכטונג וואס איז אנגעטראגן געווארן דורך דער קאמיוניטי.

אלס טייל פון דעם פראיעקט, האט דער סטעיט דעפארטמענט פון טראנספארטאציע אויך רעהאביליטירט א פארלאזטער בריק וואס געפונט זיך הארט אויף צפון פון דעם רעיווענסדעיל ראוד בריק און עס געניצט צו שאפן דעם סאמע ערשטן באהעפטונג צווישן דעם ווילעדזש און דער סאָוט קאונטי טרעילוועי. דער רעהאביליטירטער בריק איז איצט טייל פון א נייע, 900-פיסיגע צוטריט וועגל

וואס באהעפט זיך צו דער טרעילוועי פון דעם רעיוועונסדעיל ראוד / דזשעקסאן עוועניו און סטעיט רוט A9 (סאו מיל ריווער ראוד) דורשכנייד-פונקט.

די סאָוט קאונטי טרעילוועי לויפט דורך וועסטשעסטער קאונטי צווישן יאנקערס און גרינבורג, באהעפטנדיג וואן-קארטלענדט פארק און טעריטאון לעיקס פארק. עס איז טייל פון א פיר-טרעיל סיסטעם וועלכס רעכנט אריין אָלד פוטנעם טרעיל אויף דרום און דער נאָרט קאונטי טרעילוועי און פוטנעם טרעילוועי אויף צפון. זיי פאראייניגן זיך איבער 45 מייל פון מערסטנס אראפ-פון-ראוד רייזן לענגאויס אן אלטן רעילראָוד קארידאר.

א נייע אפלויף סיסטעם איז אויך געבויט געווארן צו העלפן אפהיטן דעם ענווייראָנמענט און פארמיידן פלייצונגען לענגאויס רעיוועונסדעיל ראוד. א שטורעם-וואסער פאָנד איז אויך געשאפן געווארן צו רעדוצירן פלייצונגען, אפשווענקונג און פארפעסטונג פון רעגן פארקומעניש. נייע לאנדשאפטן — אריינגערעכנט אומגעפער 100 בלעטערביימער, קוסטן, פלאנצונגען — זענען אויך צוגעלייגט געווארן און א לאנדשאפט בערמע איז געבויט געווארן צו העלפן באשיצן ארטיגע איינוואוינער פון שאסיי קולות.

אויף צו רעדוצירן דעם פראיעקט׳ד ענווייראנמענטאלע תוצאות, ווערן מערערע ריסייקלינג טעכניקן געניצט דורכאויס דער קאנסטרוקציע, אריינגערעכנט דאס איבערניץ פון גראנולארע מאטריאלן פאר ווענט און פארשידענע אנדערע באדערפענישן אין דעם פראיעקט גרויסקייט. קאנקרעט פון דעם אלטן בריק איז אויך געניצט געווארן אין די קאנסטרוקציע פון א ראמפע פאר נאך א פראיעקט אין וועסטשעסטער קאונטי.

**סטעיט דעפארטמענט פון טראנספארטאציע קאמיסיאנערין מארי טערעסע דאמינגעז האט געזאגט,** ״דאס פערטיגן דעם פראיעקט איז א ריזיגע טריט פארווערטס פאר׳ן ווילעדזש העיסטינגס-אָן-הודסאן און איז א מוסטער פון ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון טראנספארטאציע׳ס אנטשלאסנקייט צו ארבעטן אינאיינעם מיט ארטיגע קאמיוניטיס נישט בלויז איבערצובויען אונזער פארעלטערטע אינפראסטרוקטור נאר עס אויך צוריקבויען בעסער און שאפן מאדערנע טראנספארטאציע סיסטעמען וועלכע זענען מער ווידערשטאנד-פעאיג און בענעפיטן אלע רייזע מיטלען. דער נייער בריק לענגאויס רעיוועונסדעיל ראוד וועט ווערן פארזיכערן אז א הויפט צוטריט ראוד צו דעם ווילעדזש בלייבט אפן אויף פילע יארן אין דער צוקונפט און גלייכצייטיג אויך פארזארגן פארבעסערטע צוטריט צו א פאפולערער ארטיגע טרעיל סיסטעם וואס וועט פארברייטערן געלעגנהייטן פאר פיסגייער, הייקערס און בייקערס.״

**מאיאריטעט פירער אנדרעא סטוערט-קאזינס האט געזאגט,** ״דאס פארענדיגן דעם נייעם בריק ביים אנהייב זומער סעזאן וועט ערמעגליכן פאר פאמיליעס א זיכערן ארט פאר פיסגייער און ביציקל צוטריט, און גלייכצייטיג באהעפטן קאמיוניטיס און שטיצן ביזנעסער אין דעם ארומיגן אומגעגנט. איך בין שטאלץ מיט די ארבעט וואס איז געטון געווארן צו שאפן די קריטיש-וויכטיגע אינוועסטירונג פאר העיסטינגס-אָן-הודסאן און וועסטשעסטער קאונטי און עס האט מיך דערפריידט צו העלפן שאפן געלטער פאר דעם פראיעקט. עס איז אן אינוועסטירונג פון וועלכע אונזער קאמיוניטי וועט געניסן פאר צענדליגע יארן אינ׳ם צוקונפט. איך וועל ווייטער קעמפן פאר ארטיגע אינפראסטרוקטור פראיעקטן וועלכע זעצן פאר ווייטער צו בארייכערן אונזער דיסטריקט.״

**אסעמבלי-מיטגליד טאמאס אבינאטי האט געזאגט,** ״איך בין שטאלץ צו זיין א טייל פון דעם ניו יארק טיעם אנגעפירט דורך גאווערנער קעטי האוקול וואס בויט איבער אונזערע ראודס און בריקן. דער נייער רעיוועונסדעיל ראוד בריק איז א מוסטער פאר באהעפטן קאמיוניטיס. עס איז א מאדערנער, פאסיג אויסטיליזירטער סטרוקטור וועלכס פארשטערקערט זיכערהייט און פארגרינגערט פיסגייער און ביציקל צוטריט צום סאָוט קאונטי טרעילוועי. עס פארטרעט 19.45 מיליאן דאלער גוט אויסגעגעבן.״

**וועסטשעסטער קאונטי עקזעקיוטיוו דזשארדזש לעטימער האט געזאגט,** "פארזיכערן זיכערע צוטריט צו אלצדינג וואס וועסטשעסטער קאונטי האט אנצובאטן און גלייכצייטיג שאפן אדער איבערשאפן באהעפטונגען צווישן קאמיוניטיס איז הויפט-וויכטיג פאר אונזערע איינוואוינער און באזוכער צוגלייך. א דאנק גאווערנער האוקול און איר אדמיניסטראציע, וועט דאס פערטיגן דעם בריק, וועלכס איז א קריטיש-וויכטיגע באהעפטונג פאר איינוואוינער פון העיסטינגס, ארדסלי און גרינבורג, אויפטון דיביידע צוועקן. אין צוגאב, אזוי ווי מיר זעצן פאר ווייטער צו זען די סאָוט קאונטי טרעילוועי אזוי ברייט באניצט, איז דאס פארענדיגן דעם העכסט-נייטיגן באהעפטער געוואונשענע נייעס."

**טאון אָוו גרינבורג סופערווייזער פאול פיינער האט געזאגט,** "איך וויל דאנקען דעם ניו יארק סטעיט DOT, די גאווערנער און אונזערע סטעיט געזעץ-שאפער פאר'ן ערזעצן דעם רעיוועסדעיל ראוד בריק. דאס איז א וויכטיגע בריק וואס באהעפט העיסטינגס מיט'ן אומאינקארפארירטן גרינבורג און פארזארגט פאר וועסטשעסטער איינוואוינער א וויכטיגע באהעפטונג אנצוקומען צום מזרח פון דעם סאָו-מיל ריווער פארקוועי. איך בין א שטארקע ביציקל-ליבהאבער, און איך האב פארגעניגן פון די צוטריט צו דעם רעיווענסדעיל בריק פון דעם אויג-פארכאפנדן סאָוט קאונטי טרעיל. בעפאר קאנסטרוקציע, האב איך געקלערט אז די קאנסטרוקציע וואלט געווען א שלעכטן טרוים מיט א ים פון קלאגעס. אבער דורכאויס דעם קאנסטרוקציע פראצעס האבן וויניג איינוואוינער זיך באקלאגט און כמעט יעדער מיט וועם איך רעד וואס ניצט דעם בריק און באהעפטונג צום טרעיל איז גאר צופרידן מיט דעם אינפראסטרוקטור פארשטערקערונג. עס איז וויכטיג אז אלטע בריקן ווערן ערזעצט אדער איבערגעבויט אויב זענען פאראן סטרוקטורעלע פראבלעמען. א גרויסן דאנק פאר ניו יארק סטעיט פאר'ן זיין פראאקטיוו און איבערבויען דעם וויכטיגן בריק."

מאטאריסטן ווערן דערמאנט וועגן 'מוּואוו אָוועך' צו דער נעקסטער לעין אויב איז מעגליך דאס צו טון אויף א זיכערן אופן, אדער פארן באדייטנד שטייטליכער ווען מען טרעפט זיך אן מיט ראודסייד וויהיקלס וועלכע ווייזן רויט, ווייס, בלוי, עמבער, אדער גרינע לאמפן, ארייננגערעכנט מעינטענענס און קאנסטרוקציע וויהיקלס אין ארבעט זאונס.

מאטאריסטן ווערן דערמוטיגט צו פארן שטייטליכער און דרייוו'ען מיט פאראנטווארטליכקייט אין ארבעט זאונס. שטראף-אפצאל איז געדאפלט פאר ספיד פארלעצונגען אין אן ארבעט זאון. צוויי אדער מער ספיד פארלעצונגען אין אן ארבעט זאון קען גורם זיין דאס סוספענדירן פון דעם מענטש'ס דרייווער לייסענס.

פאר די לעצטע רייזע אינפארמאציע, רופט 511, באזוכט www.511NY.org, אדער דאונלאד'ט דעם בחינם'דיגן NY511 מאביל עפּ.

פאלגט נאך ניו יארק סטעיט DOT אויף טוויטער: @NYSDOT און @NYSDOTHV. באזוכט NYSDOT אויף פעיסבוק אויף facebook.com/NYSDOT.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418